**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דריקט פרעזידענטביידען צו מאביליזירן די פעדעראלע רעגירונג צו צושטעלן שעלטער פאר שוץ זוכער וואס קומען אן אין ניו יארק סיטי**

***גאווערנער בעט הילף פון FEMA, U.S דעפארטמענט פון דעפענס, און נאציאנאלע פארק סערוויס***

***גאווערנער האקול האט גערופן מיטגלידער פון קאנגרעס, קאונטי עקזעקיוטיוו, און מעיארן צו איבערשמעוס'ן די שטאטישע אנטווארט צו די ענדע פון טייטל 42***

***די גאווערנער'ס אנגייענדע אנטווארט צו די שוץ זוכער וואס קומען אן רעכנט אריין 1$ ביליאן אין הילף אין פיסקאלע יאר 2024 בודזשעט, מאביליזירונג פון 1,500 נאציאנאלע גארד מיטגלידער, און אן עקזעקיוטיוו ארדער וואס טוט העכערן אוועילעבל הילפסמיטלען***

***גאווערנער האקול'ס בריוו צו פרעזידענט ביידען קען ווערן געזען [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א בריוו צו פרעזידענט ביידען, בעטנדיג אים צו דירעקטירן נאך פעדעראלע הילפסמיטלען צו די סטעיט פון ניו יארק בשעת עס טוט צוזען פרעצעדענטלאזע נומערן פון שוץ זוכער וואס זענען איזסן אנצוקומען וויבאלד טייטל 42 ענדיגט זיך. בויענדיג איף די אנגייענדע דיסקוסיעס מיט פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע פירער, פריער היינט האט גאווערנער האקול געשטעלט זיצונגען מיט ניו יארק'ס אומפארטייאישע קאנגרעסיאנאלע דעלעגאציע, די ניו יארק סטעיט פאראיין פון קאונטיס, און די ניו יארק קאנפערעץ פון מעיארן צו צושטעלן אפדעיסט איבער די שטאט'ס פרואוון צו העלפן שוץ זיכער און וייטערדיגע נויטיגע הילף צו אדרעסירן די סיטואציע.

"ניו יארקער ארבעטן צוזאמען צו אויפנעמען שוץ זוכער און צושטעלן נויטיגע שעלטער און הילפסמיטלען פאר די אידיווידואלן וואס קומען פשוט צו אונזער סטעיט זוכנדיג א בעסער לעבן," **זאגט גאווערנער האקול.** "פאר חדשים, האב איך געטוהן בעטן אונזערע פעדעראלע פירער צו צושטעלן נויטיגע בויגזאמקייט פאר נאך הילף פאר ניו יארק בשעת מיר טוען זיך ספראווען מיט פרעצעדענטלאזע צאלן פון שוץ זוכער וואס קומען אין אונזער סטעיט. איך וועל ווייטער ארבעטן האנט אין האנט מיט פירער פון אלע אפטיילונגען פון רעגירונג צו אנפירן אונזער שטאט-ווייזע אנטווארט און פארזיכערן די הילפסמיטלען וואס מיר דארפן צו העלפן די נייע אנגעקומענע."

די היינטיגע שריט זענען גאווערנער האקול'ס לעצטיגע פרואוון צו אדרעסירן דאס אונקומען פון שוץ זוכער אין ניו יארק. פריער אין די וואך האט גאווערנער האקול [ארויסגעגעבן]()און עקזעקיוטיוו ארדער וואס טוט צושטעלן די סטעיט מיט גרעסערע בויגזאמקייט צו שאפן די הילפסמיטלען וואס זענען נויטיג פאר מיניציפאלן צו העלפן שוץ זוכער און ערלויבן די שטאט צו פארמערן די נאציאנאלע גארד מאבאליזירונג צו 1,500 סערוויס מיטגלידער. גאווערנער האקול ארבעט אויך מיט די לעגיסלאטור צו אריינעמען 1$ ביליאן דאלער פאנדינג [פארשפרעכונג]() אין די פיסקאלע יאר 2024 סטעיט בודזשעט פאר ניו יארק סיטי,

אריגערעכנט 741$ מיליאן פאר שעלטער קאסטן, 162$ מיליאן צוט העלפן די אנגייענדע נאציאנאלע גארד אנוועזנהייט, 137$ מיליאן פאר העלט קעיר דורך NYC קעיר, 26$ מיליאן אין פאבליק הילף, 25$ מיליאן אין ווילינגע אריבערציאונג פון פאמיליעס צו פערמענאנטע דירות און נאך 5$ מיליאן פאר פארבעסערטע הילף דורך די אפיס פון צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף, און 10$ מיליאן פאר לעגאלע הילף דורך די אפיס פון נייע אמעריקאנער.

גאווערנער האקול האט אלעמאל געשטופט פאר נאך פעדעראלע הילף, ספעציפיש איבער פאנדינג און פארקירצטע ווארט צייט פאר שוץ זוכער צו קענען לעגאל ארבעטן, אין דוסקוסיעס מיט פרעזידענט ביידען, DHD סעקרעטאר מאיארקעס, שטאב הויפט זינטס, געוועזענע שטאב הויפט קלעין און אנדערע פעדעראלע באאמטע. די פולע טעקסט פון גאווערנער האקול'ס בריוו צום פרעזידענט איז דא אונטן:

*טייערע פרעזידענט ביידען:*

*אין ערווארטונג פון צענדליגע טויזענטער שוץ זוכער וואס וועלן אנקומען אין ניו יארק סיטי יעדע וואך, טוה איך איינגעבן די ביטע פאר די פעדעראלע עמערדזשענסי אויפזיכט אגענטור ( Federal Emergency Management Agency, FEMA) צו דירעקטירן די דעפארטמענט פון דעפענס ( Department of Defense, DOD) און די נאציאנאלע פארק סערוויסעס (National Park Service, NPS) צו צושטעלן פאר ניו יארק סטעיט הילף דורך די זאפארטיגע אויפבוי און אנפירונגס פון צייטווייליגע שעלטערס אויף פעדעראלע לאנד און פראפערטי צו צושטעלן א היים פאר אינדיווידואלן וואס זוכן פאליטישע שוץ. די באנוץ פון א טייל פון די פלויד בענעט פעלד אין די געיטוועי נאציאנאלע אונטערהאלטונג געגנט און אנדערע פלעצער אויף מיליטערישע אינסטאלירונגען, אריינגערעכנט נאוואל הילפסמיטלען, אין און אריבער די צפון-מזרח איז נויטיג צו נוצן יעדע אווילעבל ארט צו אנהאלטן קריטישע און וויכטיגע פאבליק סערוויסעס, ספעציפיש שעלטערינג און האוזינג.*

*ווי דו ווייסט, אין אויגוסט 2021, האט דער דירעקטאר פאר די פאראייניגטע שטאטן צענטער פון דיזיס קאנטראל (Center for Disease Control, CDC) ארויסגעגעבן א פובליק געזונטהייט אפשאצונג און באפעל צו אפשטעלן די רעכט צו פארשטעלן געוויסע פערזאנען פון לענדער ווי א קווארענטין איבערפירנדע קרענק עקזיסטירט, אויך באוואוסט אלס טייטל 42. די באפעל פארבאט אימיגראציע אריין צו די פאראייניגטע שטאטן דורך "אומגעדעקטע נישט-בירגער" וואס פארן פון קאנאדע אדער מעקסיקא (אפגעזען פון זייער לאנד אפשטאם) וואס וואלט ווען נישט געווארן פארגעשטעלט צו א געמיינזאמע איוסשטעל אין א פארט פון אריינגאנג אדער U.S. גרעניץ זיכערהייט סטאנציע ביי אדער נאנט צו די U.S. לאנד און דערנעבנדע גרעניצן.*

*ניו יארק סיטי (New York City, NYC) איז איבערגעפארן איר מאס אין איר שעלטער סיסטעם וואס נעמט אריין צושטעלן צייטווייליגע האוזינג און הילף פאר איבער 36,700 אימיגראנטן אויף 120 לאקאציעס. NYC האט געעפנט צענדליגע הומאניטערישע עמערדזשענסי אנטווארט און הילף צענטערן און קורץ טערמיניגע רעספיט צענטערן וואס האבן אנגעפולט מערווי 40 פערצענט פון זייער מיטל שטאפל האטעל סופליי אין NYC.*

*גיבנדיג די מאס פון די הומאניטערישע קריזיס, מאנגלט די סטעיט אין די אינפרוסטרוקטור, אנשטאלטן, און הילפסמיטלען נויטיג צו נאכקומען די באלדיגע פארלאנג פאר הייזער און נאכקומען די עיקר געברויכן פון די גרויסע צאל אימיגראנטן וואס קומען אן. פעדעראלע הילף דורך FEMA, DOD, און NPS הילף און בויען און אנפירן צייטווייליגע האוזינג אויף מיליטערישע אינסטאלירונגען און ביי פלויד בענעט פעלד איז נויטיג צו אנהאלטן קריטישע און נויטיגע פאבליק סערוויסעס, ספעציפיש שעלטער און האוזינג.*

*נאכפאלגנדיג די ביטע, טוה איך באשטעטיגן דאס פאלגנדע: איך האב באשטעטיגט דעם אינצידענט איז פון אזא גרויסקייט און ערנסטקייט אז א ווירקזאמע אנטווארט איז אויסער די מעגליכקייטן פון די שטאט און די אפעקטירטע לאקאלע רעגירונגען און אז סופלעמאנטארע פעדעראלע הילף איז נויטיג; אלס ענטפער צו דעם אינצידענט, האב איך גענומען פאסיגע שריט אונטער די שטאטישע געזעץ און האב דירעקטירט די אויספיר פון די סטעיט עמערדזשענסי פלאן אין איינקלאנג מיט די סטאפפארד אקט; און די שטאט און לאקאלע רעגירונגען וועלן פארגיטיגן FEMA פאר די נישט פעדעראלע טייל פון די קאסטן פון אזעלכע ארבעט.*

*אין איינקלאנג מיט די 44 C.F.R. § 206.34, טוט די שטאט מסכים זיין, מיט רעספעקט צו די הילף: צושטעלן אן קאסטן פאר די פאראייניגטע שטאטן אלע לאנד, איזעמענט, און רייטס-אוו-וועי נויטיג צו אויספירן די באשטעטיגטע ארבעט; האלטן און ראטעווען די פאראייניגטע שטאטן פריי פון שאדן צוליב די פארלאנגטע ארבעט, און וועלן צוריקצאלן די פעדעראלע רעגירונג קעגן יעדע קלאגע וואס קומט ארויס פון אזעלכע ארבעט; און העלפן די אויספירנדע פעדעראלע אגענטור אין אלע הילף און לאקאלע יוריסדיקציע ענינים.*

*מיט טייטל 42 אפיציעל צוריקגעצויגן, און די ערווארטעטע וואכן-לאנגע געבוי פראצעס עס וואס געמונען צו בויען צייטווייליגע שעלטערס, בעט איך פאר די ביטע צו ווערן נאכגעגעבן זאפארט.*

*א דאנק פארן נעמען אין באטראכט.*

גאווערנער האקול'ס בריוו צו פרעזידענט ביידען קען ווערן געזען [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן